בעזהשי"ת



# קינדערגארטן ווינקל

ארויסגעגעבן דורך
סאטמאר קינדערגארטן
וויליאמסבורג

שנה י"ז - גליון 761
זמנים: עש"ק 4:16 – מוצש"ק 5:44

פרשת וישב
עש"ק י"ט כסלו שנת תשפ"ה לפ"ק



## וואס דארף א קינד קענען די וואך, די סדרה אדער פון חנוכה ?

**אויפקלערונג: די וואך** זענען די לימודים פאר די קינדער געווען זייער אסאך, סיי פון **חנוכה**, און סיי פון די סדרה **פרשת וישב**, און פון **כ"א כסלו**, די מלמדים האבן דאס מיט ערפארונג געמאכט אזוי אינטערעסאנט אז די קינדער זאלן דאס גוט פארשטיין און אויפנעמען בעז"ה, צו מיט די בילדער אדער מיטן אויפשפילן די אינטערעסאנטע חלקים דערפון, אבער מיט דעם אלעם איז זיכער דא עטליכע זאכן ביי די פרשה וואס מ'איז דאס נישט אזויפיל מאל איבער געגאנגען אין די כיתה דעריבער קען זיך מאכן אז מ'דארף מער ארויס העלפן א קינד.

**און טאקע יעצט** אינדערהיים ווען די עלטערן וועלן זיכער וועלן איבערהערן פון די קינדער מיט אינטערעסע וואס די קינדער קענען, איז זייער וויכטיג צו געדענקען אז דאס טאר נישט גיין מיט קיין פרעשור נאר מיט א געשמאק, און עס פעלט זיך אויס די וואך אביסל מער געדולד ביים איבערגיין יעדע זאך מיט די בילדער, אין דעם ביכל, און **ארויס העלפן מיטן אנהייבן די ווערטער** וואס דאס ברענגט אריין אין קינד'ס מויל די ריכטיגע תשובה. אין אזא צייט ווען עס ווערן געלערנט מערערע לימודים איז זייער מעגליך אז א קינד זאל מאכן א טעות און זיך פארמישן עס איז זייער פארשטענדליך פאר די יארגאנג.

**בכלל** איז מער ריכטיג ווען מ'גייט איבער מיט די קינדער ענדערש מיט-זאגן מיט א קינד און נישט סתם פרעגן און בלייבן שטיל, ווייל אזוי ווערט א קינד פארלוירן, אנדערש איז אז מ'ווייזט אים ארויס אז מ'וויל אים צו העלפן דאן זאגט ער מיט מער זיכערקייט.

**די ערשטע חנוכה ביכל** מיט די מעשה פון די הייליגע חשמונאים מיט די יוונים, דאס ווערט נאך אין די טעג שטארק געלערנט און עס וועט אי"ה אהיים גיין מיטוואך לכבוד דעם ערשטן ליכט צינדן. **נאך חנוכה ביכלעך** מיט די מעשה פון יהודית מיט אליפורני וועט זיין במשך די חנוכה טעג.

## אונזערע הענט'לעך זייער פארנומען

**די מנורה'ס לכבוד חנוכה.** די וואך זענען אונזערע קליינע הענטעלעך געווען העפטיג פארנומען! צוגרייטנדיג די הערליכע מנורות, מיט א פלייסיגקייט, וואס מיר האבן געמאכט מיט אזויפיל שמחה און חשק. יא! אט טרעטן מיר שוין אריין אין די הייליגע לעכטיגע חנוכה טעג, מיר וועלן קוועלן פון אונזערע מנורות מיט א פרייליכקייט, מיר ווארטן מיט שפאן ווען קומט שוין אן דער טאג ערב חנוכה ווען מיר וועלן אהיים ברענגען די שיינע זיסע מנורה וואס מיר מאכן מיט אונזערע הענט'לעך, און קענען באווייזן פאר אונזערע עלטערן שיחיו אלעס וואס מיר האבן אליינס געמאכט ביי די שיינע מנורות. (זעה ביי די בילדער)

**נויריסערי:** מיר האבן געפעינט די קליינע העלצעלעך מיט עטליכע שיינע קאלירן, מיר האבן זיך מחי' געווען צו זעהן ווי שיין עס ווערן די מנורה שטיקעלעך, נאך א קאליר און נאך א קאליר אזוי חזר'ן מיר איבער די שיינע קאלירן וואס מיר האבן שוין געלערנט אין די פריערדיגע וואכן. נאך א ליכט און נאך א ליכט, ביז די ליכטעלעך ווערן אזוי הערליך שיין, מיר פאלגן אויס אלעס וויאזוי מיין רבי זאגט און ווייזט אונז, אזוי שטעלן מיר שיין צוזאם ביז די גאנצע מנורה ווערט אזוי הערליך און שיין. מיר וועלן מאכן א שיינע ברכה און אויפעסן די ליכט'עלך דשעליס א יעדן טאג אביסל..

**פרי קינדערגארטן:** מיר זענען זייער פארנומען געווען מיר האבן געפעינט פארשידענע קאלירן נאך א קאליר און נאך א קאליר אזוי חזר'ן מיר איבער די שיינע קאלירן וואס מיר האבן שוין געלערנט אין די פריערדיגע וואכן. א העלצעלע מיט א העלצעלע מען קלעיבט און מען שטעלט דאס צוזאם, ביז ס'איז שוין אינגאנצן פארטיג די הערליכע **"דריידל מנורה"** מיט אירע ליכטעלעך דורך אונזערע הענטעלעך. מיר וועלן מאכן א שיינע ברכה און אויפעסן די ליכט'עלך דשעליס א יעדן טאג אביסל..

**קינדערגארטן:** מיר האבן זיך גענומען צו די ארבייט מיין רבי לייגט אונז אויס די העלצלעך מיט א סדר, אזוי הייבן מיר אן מיט א פלייסיגקייט, צוזאם שטעלן א העלצעלע מיט א העלצעלע דאס גאנצע חדר אריין געטון אין די ארבייט. מיין רבי זאגט און ווייזט און מיר פאלגן אויס, דערנאך מיטן דאס צוגלאוען יעדע זאך מיט א שמחה, מען קלעיבט צוזאם שטיקל נאך שטיקל, עס בויעט זיך אזוי הערליך און שיין א זיסע מנורה'לע. מיר זענען זייער פארנומען א יעדן טאג, מיט א שטארקע שמחה מאכן מיר יעדן טאג נאך א זאך,

### ווינקל אינהאלט

- וואס דארף א קינד קענען די וואך סדרה אדער פון חנוכה אדער כ"א כסלו ?
- **פארצייטלט אין לאנטש רום**
- די הענטעלעך אזוי פארנומען מיט די מנורה, יעדע יארגאנג באזונדער.
- **מידה: זאגן "שוין בין איך גרייט שוין וועל איך גיין" ק"ג - מצוה קארטלעך יעדן טאג.**
- די מיטוואך שפיל.
- **היטן אויף יענעם'ס געזונט איז אויך אן אחריות.**
- חנוכה סקעדשול.
- **די גראם און באגריפן פון די וואך.**
- ספעציעלער בריוו גייט אהיים וועגן נאש חנוכה.
- **די חנוכה מעשה לעבט ביי די נוירסערי כיתות.**
- כ"א כסלו צווישן די חדר ווענט גאר דערהויבן.
- **אינפארמאציע וועגן שיך בענדל, און בוט'ס.**
- **אפוועגן די האר**
- חנוכה אין חדר סידי.
- **מזל טוב וואונטשן**
- ברוכים הבאים נייע קינדער
- **חכמה'לעך**

**נייעס ליין און שער הנגינה !**
718-407-7460# 1/5 /6

נאך א קלייניקייט, אזוי ווערט אויסגעפארעמט די הערליכע מנורה מיט אונזערע הענטעלעך. ב"ה מיר האבן דאס שיין פארענדיגט א הערליכע מנורה. מיר קענען שוין קוים ווארטן צו וויזן מיט הנאה די ארבייט און זעהן ווי אונזערע עלטערן שעפן די נחת פון אונז ווען מיר ברענגען דאס אהיים.

## פארצײלט די סדרה אין לאנטש רום

**די וואך ווען די לימודים זענען אסאך האבן מיר געהערט אין לאנטש רום נאך א שיינעם חלק פון די סדרה די מעשה מיט די בעקערי גוי** (שר האופים) **מיטן טרינקער גוי** (שר המשקים)

**מיר הערן** זיך צו די געפערלכע זאך וואס האט פאסירט מיט פרעה'ס באדינער, דער טרינקער גוי מיט זיין פליג, און דער בעקערי גוי מיט זיין שטיין, און ביידע קומען אן אין דזשעיל, זיי חלומ'ען זיך לעבעדיג איינער מיט די 3 טעצער העכער זייער קאפ. דער צווייטער מיטן הענגל טרויבן מיטן בעכער אין זיין האנט. זיי זענען אנגעצויגן זיי ווייסן נישט וואס דאס מיינט ביז יוסף טוהט זיי אזוי שיין אלעס ערקלערן.

**יוסף** איז דער הויפט אין דזשעיל דער אויבערשטער איז מיט יוסף הצדיק איבראל. די מעשה איז אראפ געלייגט געווארן אין לאנטש רום פאר ק"ג און פרי ק"ג זייער אינטערסאנט הערט אויס אייער קינד און האט'ס הנאה. אויך איז דאס געווען א חלק פון די סדרה שפיל, צום פארשטאנד פון די קינדער

# מידה פון די וואך

## "שוין בין איך גרייט – שוין וועל איך גיין"

**קינדערגארטן:** פון יוסף הצדיק קענען מיר זיך גוט אפלערנען ווען א טאטע מאמע הייסן עפעס טוהן זאגט מען נישט באלד, נאר מען דארף זאגן **"שוין בין איך גרייט"! "שוין וועל איך גיין"!** העלפן אסאך וואס מער, און נישט זאגן באלד אדער שפעטער, איך וויל זיין אזוי ווי יוסף הצדיק. מיר וועלן האבן די געלעגנהייט יעדן טאג צו ברענגען איין קארטל אויפגעשריבן ווי אזוי מיר צייכענען זיך אויס מיט די מידה פון יוסף הצדיק דאן וועלן **מיר באקומען א חנוכה מתנה.**

## דער מיטוואך שפיל!

**מיט פיל אינטערסאנטקייט** אזוי געשמאק האבן מיר זיך צוגעקוקט, צו דעם שפיל אין חדר ווי עס איז לעבעדיג אויפגעשפילט געווארן זאכן פון די סדרה ביי אונז אין לאנטש רום פאר די קינדער. א יעדע מינוט אזוי געשמאק א שאד צו פארפאסן אפילו א סקונדע...

**די וואך** איז געקומען די רייע אויף די כיתה פון **הרב יואל וואלף שווארטץ שליט"א** ווי זיי האבן דאס אהערגעשטעלט אזוי הערליך און מייסטערהאפטיג:

**מיר זעהן** ווי יעקב אבינו (משה יהושע הורוויץ) זיצט און לערנט מיט זיין באליבטן זון יוסף הצדיק (ישעי' בוכינגער) מיר הערן זייער שיין ווי זיי לערנען הויך און געשמאק **תנו רבנן...** אלע קינדער זאגן שיין צוזאמען... אזוי זעהן מיר ווי יעקב אבינו גיבט פאר יוסף הצדיק א שיינע זיידענע העמעד'ל, אלע ברידער'ס זעהן ווי יוסף באקומט דעם שיינעם העמד'ל...

**נאכדעם זעהן מיר** ווי יוסף הצדיק לייגט זיך שלאפן אבער פארן גיין שלאפן לייגט ער קריאת שמע, קושט די מזוזה, גרייט אן נעגל וואסער, מיר זעהן ווי ער חלומ'ט זיך און שפעטער ווען ער שטייט אויף זאגט ער מודה אני און גיסט זיך אפ נעגל וואסער. און רופט ער צוזאם אלע זיינע ברידער'ס עס קומען די 11 ברידער (בנציון ביקעל, מנחם ישראל באסול, יצחק בנימין בעכער, בערל בערגער, ישעי' בערנשטיין, מענדי ברוין, אלי' גליק, שלמה פויגעל, יעקב יואל פעדער, אברהם חיים שטהול) זיי קומען און זיי שטייען ארום מיט בינטלעך בלעטער און אלע

### <u>קינדערגארטן</u>

**מיר ווערן באַרייכט מיט שפראך, ווען מיר לערנען זיך אויס יעדע וואך נאך נייע ווערטער מיטן ריכטיגן זאץ.**

**די אלע ווערטער, באגריפן, געפילן האבן מיר די וואך דערהערט זייער שיין.**

### <u>ווערטער און באגריפן:</u>

- גרוב - לאך
  דאס לערנען מיר פון די מעשה ביי יוסף

### <u>מיט א גוטן טראכט:</u>

- פארוואס דער טרינקער גוי איז נישט שולדיג ? און דער בעקער יא ? ווייל א פלוג פליהט אליינס אבער א שטיין נישט.
- **געפילן**
  די גוים נאכן חלום אנגעצויגן גערעגט.

### גראם פון די וואך פרשת וישב:

האנדלען וואנדלען אויף די גאנצע <u>וועלט</u>, האנדלען וואנדלען מאכן אסאך <u>געלט</u>.

יוסף'ל יוסף'ל כאפט דיך אן אין <u>שטריק</u>, איך וועל דיך אהיים טראגן צום טאטן <u>צוריק</u>.

דער בעקערי גוי לייגט אריין דעם <u>שטיין</u>, און ווען פרעה בייסט אריין צוברעכט ער זיך זיינע <u>ציין</u>

פרעה שרייט צום טרינקער גוי אין דעם קעניג'ס בעכער א <u>פלוג</u>?, דאס איז נישט אזוי <u>קלוג</u>..

**א יעדעס קינד דארף און וועט אי"ה מצליח זיין צו שטייגן העכער בעז"ה**

# טויש אין סקעדזשול אויף די חנוכה טעג

**מיר שיקן אהיים דעם טויש פון די "חנוכה באס סקעדזשול" ווען די קינדער וועלן קומען און גיין במשך די חנוכה טעג אין חדר. ביטע לייגט דאס אוועק כדי צו וויסן יעדן טאג חנוכה ווען דער באס דארף קומען.**

בינטלער בוקן זיך צו יוסף, מיר זעהן ווי יוסף שטייט אינדערמיט, מיט די גרעסטע בינטל. מיר הערן ווען יוסף הצדיק דערציילט איבער דעם חלום פאר זיינע ברידער נאכדעם פאר זיין טאטע און זיין טאטע שרייט אים אן: אז ער איז נישט קיין קעניג, פארוואס זאלן זיי זיך ביקן צו אים?

**נאכדעם זעהן מיר** ווי יעקב אבינו **(משה אפרים פישל שטיינמעטץ)** רופט יוסף הצדיק **(מרדכי קאהן)** און הייסט איהם גיין אויפזוכן זיינע ברידער, הערן מיר אלע וויאזוי יוסף הצדיק זאגט הויך: **"שוין בין איך גרייט - שוין וועל איך גיין".** און אלע קינדער זאגן דאס נאך זייער הויעך ווייל מיר ווילן זיין ווי יוסף הצדיק, און שטענדיג זאגן פאר אונזער טאטע – מאמע: **"שוין בין איך גרייט - שוין וועל איך גיין"**

**מיר זעהן** ווי יוסף גייט זוכן זיינע ברידער און טרעפט זיי נישט, קומט א מלאך **(יוסף יושע שיפף)** און זאגט אים אז זיינע ברידער זענען געגאנגען דארט קיין דותן, מיר זעהן ווי די ברידערס גייען מיט די שעפעלעך און ווען יוסף קומט אן צו די ברידער הערן מיר ווי איינער זאגט אז דארט קומט דער מענטש וואס חלומ'ט זיך אסאך, נאכדעם זעהן מיר ווי זיי טוהן איהם אויס די שיינע זיידענע העמד'ל, און די ברידער ווארפן אריין יוסף אין א גרוב. מיר זעהן דארטן שלענג ארום קריכן אבער צום צדיק יוסף טוט קיינער נישט קיין שלעכט'ס.

**נאכדעם קומען אן** א באנדע ישמעאלים **(אהרן גרינוואלד, יוסף לייב לאזאר, משה אברהם מאשקאוויטש)** און זיי זינגען **"האנדלען וואנדלען אויף די גאנצע וועלט, האנדלען וואנדלען מאכן אסאך געלט"...** מיר זעהן ווי זיי פארקויפן בשמים... די ישמעאלים באצאלן געלט פאר די ברידער'ס און זיי שלעפן ארויס יוסף פון גרוב און נאכדעם זעהן מיר די הויפט פאליס **(משולם זלמן פאגעל)** פון מצרים. מיט זיינע באדינער **(אברהם שלמה מיטעלמאן, שמואל אליעזר הערשקאוויטש)** און מען פארקויפט יוסף פאר איהם, ער געט פאר יוסף אלע שליסלעך און וואס יוסף הצדיק וואטשט ווערט אסאך...

**נאכדעם קומט** ראובן **(בנציון ביקעל)** צו די גרוב ער לייגט אריין א לאנגע בענדל און שרייט (זינגט) **"יוסף'ל יוסף'ל כאפ דיך אן אין שטריק, איך וועל דיך טראגן צום טאטן צוריק"...** אבער יוסף איז שוין נישט דארט אין גרוב.

**מיר האבן** געזעהן ווי די ברידער ברענגען דעם זיידענעם העמד'ל פאר זייער טאטן יעקב אינגאנצן פארשמירט מיט בלוט, זיי זאגן אז א שלעכטע חי' האט אים געביסן, ווען יעקב זעהט דעם העמד'ל הייבט ער אן צו וויינען ווי איז יוסף, ער זעצט זיך אויף דער ערד און וויינט, אזוי האבן מיר אלעס שיין מיטגעהאלטן מיט א פארשטאנד.

**נאכדעם זעהן מיר** די מעשה פון די בעקערי גוי מיטן טרינקער גוי אין דזשעיל מיט יוסף הצדיק.

**מיר זעהן** ווי פרעה דער קעניג **(עקיבא גאלדשטיין)** בעט פון זיינע באדינער ער דארף עפעס א קעיק פון די בעקערי באדינער, זעהן מיר ווי דער בעקערי באדינער **(אהרן משה קליין)** קומט צו גיין מיט א שיינע טעללער מיט קעיק דער קעניג נעמט א פיינע קעיק און ווען ער בייסט אריין פילט ער א שטיין ער שרייט **אַאָוטש,** <u>די גאנצע לאנטש רום שרייט: א שטיין, מיין ציין..</u> דער קעניג הייסט שוין אים לייגן אין דזשעיל, די באדינער די פאליציי טראגן אים אין דשעיל לעבן יוסף. דערנאך דארף דער קעניג צו טרינקען ער רופט דעם טרינקער באדינער **(פינחס טעללער)** מיר זעהן ווי ער ברענגט פיינע דשוס אין א שיינע גלעיזל אבער פלוצלינג באמערקט דער קעניג א פלוג אין זיין גלעיזל דער קעניג שרייט שוין אין דזשעיל.... וואס איז דאס ?? <u>אין קעניג'ס גלעיזל א פלוג, די ביזט גארנישט קלוג...</u> זיי זענען געווען מיט יוסף הצדיק צוזאמען אין דשעיל.

**נייעס ליין שער הנגינה**
**עס איז דא אן אפדעיט ביי די שער הנגינה**
**מיט שיינע ניגונים 1/5/6 718 407-7460**
**הערט און האט'ס הנאה**

**איין נאכט זעהן מיר** ווי זיי חלומ'ען זיך, און זיי שטייען אויף אינדערפרי יוסף זעהט זייער פנים איז אזוי ברוגז ער פרעגט זיי **וואס גייט פָאר מיט ענק?** זיי ענטפערן איהם עפעס א חלום מיר הערן ווי זיי דערציילן די חלום, מיר זעהן דעם טרינקער גוי מיט די טרויבן אין איין האנט און א גלעיזל אין די צווייטע האנט. דערנאך דער בעקערי גוי מיט זיינע 3 טעללער'ס קעיק און די פייגעלעך קומען צו פליען. און יוסף זאגט זיי וואס דאס מיינט. אז אין 3 טעג ארום ביי פרעה'ס פארטי' גייט מען... **אזוי האבן מיר מיטגעהאלטן זייער געשפאנט די גאנצע סדרה אויפגעשפילט זייער שיין.**

## עס לעבט די חנוכה פארצייילונג ביי די נויערסערי קלאסן

**די וואך** האבן מיר אין די נויערסערי כיתות געלערנט נישט קיין סאך פון די סדרה ווייל מיר זענען זייער פארנומען מיט די **"חנוכה מעשה"** דעריבער האט מען דעם מיטוואך נישט אויפגעשפילט קיין שפיל פון די סדרה נאר די ערשטע חלק פון די חנוכה מעשה, הערליך שיין אויפגעשפילט פון דעם קעניג אנטיוכס מיט די יוונים פאליס.. די ערליכע אידישע קינדער שפילן מיט די דריידעלעך.. נאך און נאך פון די הערליכע שיינע פארציילונגען וואס איז געשעהן אין די צייטן פון די חשמונאים מיט די יוונים, און ווי מ'האט געזוכט די אויל און נאר געטראפן איין קלליינע קריגעלע אויל...

**אי"ה קומענדיגע וואך ערב די חנוכה טעג** וועלן מיר מיטהאלטן נאך א שיינע שפיל ווייטער פון די **חנוכה מעשה.**

## די וואנט רעדן פאר זיך!

**אין די יעצטיגע ערב חנוכה טעג** איז דער גאנצער חדר איינגעהילט מיט דעם חנוכה לימוד די וואנט אין די האלל'ס די וואנט אין די חדרים אזעלכע שיינע קאליטע בילדער פון די מעשה. מיר קענען דערויף קוקן און קוקן מיט אזויפיל אינטערעסע, און ווען מיר הערן מיין רבי פארציילן די מעשה איז דאס מיט פיל מער פארשטאנד, ווייל מיר טרעפן כמעט א יעדע זאך אויף א בילד.

**די ניגונים זינגען מיר** אזוי צוזאמען עס איז יו"ט אין די לופט, עס טאנצט זיך אונטער מיר קענען שוין קוים ווארטן אויף די לעכטיגע טעג.

# די קינדער'לעך שטארק פארנומען מיט די ארבייט לכבוד חנוכה





**קינדערגארטן קינדער**





**פרי קינדערגארטן קינדער**








**נוירסערי קינדער**






# די מיטוואך שפיל אויפגעשפילט ביי אונז אין חדר # 1



יעקב לערנט מיט יוסף תנו רבנן..



פרעגט די הייליגע גמרא




יעקב גיבט פאר יוסף די ווייסענע העמד'ל



יוסף ליינט שיין קריאת שמע



גרייט אן נעגל וואסער



שלאפט שיין ווי א איד,



חלומט פון די בינטלעך



זאגט מודה אני - גיסט זיך אפ נעגל וואסער



יוסף דערציילט פאר די טאטע און די ברודער די חלום מיט די בינטלעך



יעקב הייסט יוסף גיין צו די ברידערס



די ברידערס מיט די שעפעלעך




יוסף פרעגט די מלאך ווי זענען מיינע ברידער



דארט קיין דותן



יוסף קומט אן צו די ברידער'ס



דער גרוב מיט די שלאנגען



זיי טוען אויס די העמד



יוסף אין גרוב מיט די שלאנגען

# די מיטוואך שפיל אויפגעשפילט ביי אונז אין חדר # 2



די ברידערס מיט די שעפעלעך



האנדלען וואנדלען... אויף די גאנצע וועלט



מ'נעמט ארויס יוסף און מען פארקויפט אים



די אראבער'ס נעמען יוסף



די ווידענע העמד בלוטיג



יעקב וויינט אז א חי' האט איף געביסן



יעקב וויינט ווי איז יוסף....







ראובן ביים גרוב יוסף'ל יוסף'ל כאפט דיך אן אין שטריק....



פוטיפאר מיט זיינע באדינער



יוסף ווערט פארקויפט צו פוטיפאר די הויפט פאליס



יוסף טוט אלעס



פוטיפאר שרייט אן יוסף



דער טרינקער באדינער



דער בעקערי באדינער



פרעה מיט זיינע באדינער'ס



געב מיר נאר א פיינע טרינק

## די מיטוואך שפיל אויפגעשפילט ביי אונז אין חדר # 3



וואס ברענגסטו דא א פלוג???



אדריין אין דשעיל



א פיינע דעינעש    אאוטש א שטיין! מיין ציין!



זיי ביידע אין דשעיל מיט יוסף הצדיק



זיי חלומ'ן



זיי זענען אויפגעדעגט פון די חלום



דער בעקער פארציילט זיין חלום



אוי וויי די פייגעלעך עסן די פיינע געבעקס



דער טרינקער מיט זיין חלום

# וראה בנים לבניך שלום על ישראל

פון טיפן הארצן וואונטשן מיר א הערצליכן מזל טוב פאר אונזער חשוב'ן איבערגעגעבענער סגן מנהל

## הרב אליעזר צבי (הערשל) הכהן כ״ץ שליט״א

## לכבוד די געבורט פון די אור אייניקלעך

**א אינגל ביי זיין אייניקל מו״ה שלמה ברוך ב״ר יעקב מרדכי טייטלבוים הי״ו**

**חתן בנו כש״ת מו״ה משה הכהן כ״ץ שליט״א**

**און א מיידל ביי זיין אייניקל מו״ה בן ציון הכהן כ״ץ הי״ו**

**בן בנו כש״ת מו״ה משה הכהן כ״ץ שליט״א**

## און לכבוד די אפשערן פון א אור אייניקל

**הילד הנחמד כמר פינחס וואנחאצקער ני״ו**

**זון פון זיין אייניקל מו״ה חיים וואנחאצקער הי״ו בן לחתנו כבנו מו״ה יונה שמואל וואנחאצקער שליט״א**

## למזל טוב ובשעה טובה ומוצלחת

דער באשעפער זאל העלפן איר זאלט שטענדיג צוזאמען מיט אייער בני בית זעהן רב תענוג ונחת פון אלע אייערע קינדער אייניקלעך און אור אייניקלעך בניך כשתילי זיתים סביב לשלחניך בבני מזוני וחיי וסייעתא דשמיא, רב הונ״א ורב חסד״א רב חנינ״א ורב חיי״א, מיט פילע השפעות טובות און פרייליכע הערצער מתוך הרחבת הדעת אכי״ר

**ווי עס וואונטשן אלע מלמדים און תלמידים**

גם אנו מצטרפים בידידות כנה מעומק הלב: **ישעי' יצחק הכהן רובין** - מנהל, **יודא טרייטל פרענקל, ארי' אשר הכהן רובין, יואל כאירה** - אפיס, בנך: **יואל הכהן כ"ץ**, חתנך: **מאיר משה שפיטצער**

# די מיטוואך שפיל אויפגעשפילט ביי די נוירסערי קלאסן חנוכה מעשה 1



די ערליכע קינדער קומען לערנען אין חדר מיט א דריידל



איך האב א דריידל



די פאליס קומען צום חדר





אלע קינדער נעמען שנעל ארויס די דריידל



די סאלדאטן קומען צו די בית המקדש



מ'זוכט הייליגע אויל......





ווי איז דא אויל







יא מ'טרעפט איין קליינע קריגעלע אויל





דאס איז די הייליגע אויל



יעקב לערנט מיט יוסף הצדיק



ער גיט אים א זיידענעם העמדל

## אינפארמאציע וואס איר מעגט וויסן

**איידער מען שרייבט אפאר שורות** טראכט מען כסדר זאל מען שרייבן? זאל מען מוטשען? שוין ווייטער איז עפעס נישט גוט? אבער ווען מען כאפט זיך וואס ווילן מיר? **וועמענס טובה? וועמענס פראבלעם?** די עטנפער פארשטייט מען דאך אז דאס איז "**נאר פאר די קינדער**" אלעס פאר די קינדער! דאן קען מען נישט פארמיידן און צוריק האלטן אזא וויכטיגע אינפארמאציע מיט וואס עטליכע קינדער פלאגן זיך לעצטנס. זיי דארפן נעבעך ליידן זיי דארפן זיך נעבעך שלעפן מיט זייערע שיכלעך מיט "**די לאנגע שיך בענדלעך**" איין קינד קומט א יעדן טאג כאטשיג פיר מאל צו זיין רבי און בעט אזוי שיין : רבי! פליז מאך צו מיינע שיך בענדלעך, די רבי פראבירט איין מאל נאכאמאל עס איז **דיקע און לאנגע - הארטע בענדלעך**, אדער **רינדעכיגע, גליטשיגע**, דעריבער האלט זיך דאס נישט שטארק, דער אינגל רופט זיך אן מיט א אומשולדיגקייט: רבי איך האב געזאגט פאר מיין מאמע אז נאר מיין שיך בענדל עפענט זיך און איך דארף א נייע!! וואס זאלן מיר ענטפערן פאר אזא אומשולדיגע נשמה'לע יא ער דארף זיך נעבעך מוטשענען ווייל זיין מאמע האט געזעהן "נאר" די שיך איז שיין פאר דאס קינד.

**יעצט ווינטער** איז דאס זעלבע מיט "**בוטס**"**!** אוודאי ווען ס'שנייט דארף מען אנהאבן בוטס. אדער מיר רעדן יעצט פון א פשוטע רעגן אדער גאר א קליינעם שניי וואס נאך איידער עס האט געלאנדעט אויף די ערד איז שוין גארנישט דא דערפון. אין אזוינע טעג ווען א קינד קומט מיט א שיינע – שווערע בוטס ווייל ער דארף ערגעץ געפעלן, דאן מוטשענען זיך די קינדער זייער שטארק מיט א יעדן טריט. עס איז פאר זיי שווער און נישט באקוועם זיי בעטן נעבעך הילף יעדע פאר מינוט, ווער רעדט נאך ווען מ'דארף אראפ גיין די סטעפס. דעריבער טראכט אריין איין מינוט איידער מ'טוט אן דעם קינד **וועמען דארף איך גרינג מאכן אדער געפעלן?.**

**דאס איז א נקודה** מען קען שרייבן און רעדן וויפיל מען וויל, **די עלטערן וואס ווילן פארשטייען** אז א קינד וויל זיין אזוי ווי אלע קינדער ער וויל זיך נישט מוטשענען און אראפ פאלן וועגן זיינע שיך בענדלעך אדער בוט'ס, עטליכע מאל א טאג, אזעלכע קינדער לעבן טאנצן און שפרינגען מיט א שמחה און פרייליכקייט עס פעלט זיי ב"ה גארנישט, זיי האבן פיינע שיך און געבן זיך אן עצה פלינק און געשיקט, גאר אנדערש זענען נעבעך די קינדער מיט די לאנגע גרויסע שיך בענדלעך עס שטערט זיי פון זייער רוהיגקייט.

**עס איז זיכער** דא אסאך עלטערן וואס וועלן נישט פארשטיין פארוואס דארף מען בכלל שרייבן אבער דאך זעהן מיר ווי די קינדער מוטשענען זיך ווילן מיר מעורר זיין.

**מיר מיינען** נישט פשוט'ע שיך בענדלעך וואס האבן א געהעריגן שיך בענדל נישט צו דיק, נישט צו לאנג, דאס קען מען כאטש צובינדן עס זאל זיך שטארק האלטן אבער די לאנגע דיקע\דינע הארטע שיך בענדלעך דאס איז נישט מעגליך עס זאל זיך האלטן פארמאכט א גאנצן טאג.

**מיר אלע שותפים** די עלטערן, די מחנכים, די מלמדים, מיר דארפן פראבירן גרינגער צו מאכן פאר די קינדער פון זיך פלאגן אומזינסט פאר נארישקייטן ווער וויל דען נישט גרינגער מאכן פאר זיין קינד?... און ספעציעל דארף מען שטיין ווייט פון אהער שטעלן א קינד מיט קליידונג מאדעס וד"ל.

### אין די וועלט פון קאלירן

**די וואך האט מען נישט געלערנט מיט די נוירסערי און פרי קינדערגארטן א נייעם קאליר נאר בשעתן פעינטן די מנורה'ס האט מען איבער ג'חזרט די פריערדיגע קאלירן. נאך חנוכה וועט מען ווייטער ממשיך זיין.**

## ביטע אינאכט נעמען היטן יענעמ'ס געזונט איז אויך אן אחריות !

**אזוי ווי די ווינטער טעג** דרייען זיך פון צייט צו צייט ארום אין די הייזער **פארשידענע שוואכקייטן ל"ע, צו א פארקילונג אדער סטרעפט, פלאו,** וכדו' ווי קינדער זענען אנגעשטעקט דערמיט, ווילן מיר דערמאנען עס איז זייער נישט ריכטיג צו שיקן א קינד אין חדר ווען ער פילט נישט אזוי גוט, אפילו עס זעהט נישט אויס אזוי געפערליך, דאס קינד ברענגט עס אריין אין חדר און עס גייט ארום ליידער פון איינעם צום צווייטן דאס איז זייער א גרויסער אחריות, אויסער דעם פאר די קינדער אליין איז נישט גוט צו זיין אין חדר זיי זענען נישט ווי געהעריג, ליידן נאך אנדערע אויך עטליכע טעג שפעטער, **א קינד וואס פילט נישט גוט באלאנגט אינדערהיים נישט אין חדר.** מיר האפן און קוקן ארויס אויף א פולשטענדיגע קאאפעראציע פון אלע עלטערן.

**עס איז זייער וויכטיג** עלטערן זאלן נעמען אין באטראכט אויב איז אייער קינד אריבער א געוויסע דורכגאנג ווי פיבער אדער עפעס אנדערש וואס אנדערע קינדער קענען ווערן אנגעשטעקט און ער איז געקומען אין חדר **ביטע מעלדן דעם מלמד,** ווייל אין אזא פאל טוהן מיר אויסוואשן די גאנצע כיתה מיט בליטש **אויסצוראטן דעם קרענק און באקטעריע פון דעם קלאס רום** כדי צו פארמיידן אז נאך קינדער זאלן אנגעשטעקט ווערן דערמיט ח"ו, און עס זאל מקוים ווערן **כל המחלה לא אשים עליך כי אני ד' רופאיך..**

## די פרייליכע יו"ט טעג ארום כ"א כסלו יום ההצלה והשחרור ביי אונז אין חדר!

**כ"א כסלו** א באקאנטער יום טוב אין סאטמאר, ווי דאס איז א טאג באשטימט צו לויבן און דאנקען דעם אויבערשטן פאר זיינע גרויסע חסדים וואס ער האט אונז געטוהן מיט די הצלה פון רבינו הקוה"ט זי"ע, און אונז געשאנקען דעם צדיק אמת פאר אונזער דור יתום וואס האט אויפגעשטעלט בעזהשי"ת דעם עתיד פון די קומענדיגע דורות מיט ערליכקייט און אידישקייט א.א.וו.

**לכבוד דעם פרייליכער יו"ט טאג** האבן מיר **דעם דאנערשטאג** געהאט אין חדר א עכטע טרעין ווי מיר זענען ארום געפארן מיט דעם טרעין ביי אונז אין בנין הת"ת אין אונזער גרויסע לאנטש רום פון חדר עס האט זיך געשפירט זייער א פרייליכע אטמאספערע ווען עס שפילן אינטער די פיינע כ"א כסלו ניגונים עס זינגט זיך און טאנצט זיך מיט א דערהויבענקייט. מיר לויבן און דאנקן צום אויבערשטן פאר זיינע גרויסע חסדים וואס ער האט געטון מיט אונזער הייליגן רבי'ן און מיט אונז.

**אלע כיתות** פון **נויירסערי און קינדערגארטן** האבן געהאט א ספעציעלע סדר היום. פאר א יעדע כיתה איז באשטימט זיין צייט צו גיין אויפן באן און אויפן טאנץ באלאן. אזוי אז אלע קינדער זאלן האבן די גוטע גלעגענהייט צו פארברענגען מיט זייערע חברים. קודם זענען מיר שיין ארום געפארן מיטן באן, דערנאך האבן מיר אריין געטאנצען אין א טאנץ באלאן, עס האט זיך געשפרינגען און געטאנצן לעבעדיג מיט די ניגונים, חסדי ד'... און בך בטחו און נאך.. עס איז געווען זייער דערהויבן.

**אָה אַה האבן מיר הנאה געהאט.** א מחי' ווען מען פארט אויף א טרעין, מיר זענען זייער פרייליך אויפן באשעפער'ס וואונדער.

**עטליכע מאל די וואך** האבן מיר זיך צוגעהערט צו די שיינע פארציילונגען פון דעם גרויסן טאג, קודם פון די צייטן פון די לאגער יארן וואס אונזערע זיידעס זענען אדורך. מיר הערן זיך צו אזוי שטארק ווי מען האט ארויסגעטריבן די אידן פון די הייזער און פון די שוהל'ן די שלעכטע דייטשע גוים האבן פארברענט שוהלן און ארויסגעווארפן די ספרי תורות מיט די ספרים, די דייטשע פאליציי האבן נישט אריינגעלאזט די אידישע קינדער שפילן אין פארק אזוי ווייטער ווי מען האט גע'ארבייט זייער שווער און געכאפט אסאך פעטש פון די שלעכטע גוים, און ווי אלע אידן זענען געשלאפן אין א **"באראק"** און די דייטשע פאליציי האבן אפגעשניטן די בארד פון די זיידעס און פון די טאטעס, אבער א גרויסע נס הערן מיר דערביי אז **דעם הייליגן צדיק דער רבי זי"ע דעם בעל דברי יואל** האט מען אפגעהיטן, זיין בארד און פיאות האט מען נישט צוגערירט דער רבי זי"ע האט דאס באדעקט מיט א טיכל און די רשעים האבן דאס נישט דערזעהן.

**אזוי ווייטער הערן מיר** ווי אין דעם טאג **כ"א כסלו** איז אנגעקומען א טרעין, ווי דער רבי מיט נאך אפאר אידן זענען ארויפגעגאנגען אויף דעם טרעין, מיר הערן די מעשה מיטן חלום פון דעם דרייווער פון די קאסטענער באן ווי זיין מאמע זאגט אים אז א הייליגע רבי גייט קומען מיט זיין טרעין און ער זאל ווארטן ביז ער קומט אן נישט אוועק פארן אן אים... אזוי הערן מיר ווי דער טרעין איז געפארן קיין שווייץ דארט איז דער רבי זי"ע אראפגעגאנגען פון דעם טרעין דערנאך איז דער רבי זי"ע געקומען קיין ניו יארק און געמאכט דעם סאטמאר'ן חדר, שול, און ישיבה, אויך א שולע פאר די מיידלעך.

**מיר זענען טאקע** די גליקליכע קינדער וואס לערנען אין דעם חדר, מיר ווייסן זייער גוט אז אין דעם חדר דארף מען זיין ערליכע און וואוילע הייליגע אידישע קינדער מיט לאנגע פיאות און ערליך אנגעטועןן, שבת מיט א שטריימל, מיר הערן זייער גוט אז דער רבי האט אונז אויסגעלערנט אז מיר דארפן גיין אנגעטוהן אנדערש ווי די מאדערנע וועלט, נאר ערליך און חסיד'יש. ווען מיר ענדיגן צו הערן דעם געוואלדיגן נס האבן מיר הויעך געזינגען **חסדי ה' כי לא תמנו וכו' און בך בטחו מיט אידישע ווערטער אזוי ווי מיר זינגען אין חדר**, מען דאס אויך הערן דורך אריינרופן רופט אויף: 718-407-7460 דערנאך דריקט 6/5/1 ביים שער הנגינה אפטיילונג הערט'ס און האט הנאה.

**מיר גרייטן זיך אין חדר צום דעם טאג ווי עס וועט פארקומען א ספעציעלע שיינע סעודה לכבוד כ"א כסלו דעם קומענדיגן זונטאג....** ווי מיר ווען זיך פרייען און טאנצן אויף די גרויסע חסדים וואס דער אויבעשטער האט מיט אונז געטון. מיטן ראטעווען רבינו הקדוש והטהור רבינו יואל זי"ע ועכי"א און אז מיר זענען די גליקליכע צו לערנען אין זיינע הייליגע מוסדות.

## א וויכטיגע בקשה צו עלטערן איבער שיקן נאש מיט קינדער

עס איז דא אן איינגעפירטע תקנה אין נויירסערי – קינדערגארטן אז קינדער זאלן נישט ברענגען קיין שום נאש פעקלעך. ב"ה די קינדער באקומען גענוג גוט צו עסן 3 מאל א טאג און עס פעלט נישט אויס צו ברענגען פון שטוב. אזוי ווי עס קומט יעצט די חנוכה טעג ווען קינדער זענען מער אויסגעשטעלט צו באקומען אין די משפחה נאש און עס דאכט זיך אמאל אז חנוכה איז אנדערש דעריבער **שיקן מיר אהיים א ספעציעלע בריוו** צו אלע עלטערן מיט א שטארקע בקשה נישט מיט צו געבן מיט די קינדער קיין שום נאשעריי צו ברענגען אין חדר. ביטע לייענט דאס אדורך מיט אויפמערקזאמקייט.

## ספעציעלע חנוכה מעלדונג וועגן ברענגען פריער די קינדער

**אזוי ווי אין די פארגאנגענע יארן האבן עטליכע עלטערן אנגעפרעגט אויב עס איז מעגליך אליינס צו ברענגען די קינדער אין חדר אביסל פריער ווי דעם באס, דעריבער ווילן מיר מעלדן מיר האבן אויס צוגעשטעלט אז אין די חנוכה טעג ווען דער סקעדזשול פון קומען אין חדר איז א שעה שפעטער ווי געווענליך, וועט א מלמד זיין אין חדר גרייט א יעדן טאג אויפצונעמען קינדער פון 10:15 ביז די באסעס קומען אן בערך ארום 11:00 אזייגער אין רום 203 אויפן צווייטן שטאק. נישט זונטאג.**

**עלטערן וואס דער באס איז צו שפעט פאר זיי קענען אפברענגען די קינדער פון 10:15 און ווייטער און זיי אריין שטעלן אין קלאס רום נומ. 203 ווי עס וועט זיי אפווארטן א מלמד און זיי איבער נעמען מיט אחריות.**

**מ'קען נישט ארויף לייגן קיין קינדער פון נויירסערי קינדערגארטן אויף די כיתה א'ב' באס, עס איז נישט דא ווער עס זאל איבער נעמען די קינדער מיט אחריות און זיי ארויף באגלייטן צו זייער כיתה.**

**אויך קען מען נישט איבערלאזן א קינד פון נויירסערי - קינדערגארטן אין די לאבבי אויפן ערשטן שטאק מ'קען נאר ברענגען א קינד צום מלמד וואס נעמט איבער די אחריות אויפן קינד. אין רום 203**

**מיט פיל דאנק – הצלחה רבה וסייעתא דשמיא - המנהל**

לעילוי נשמת אמי מורתי האשה החשובה והצנועה

מרת **גיטל** פרענקל ע״ה **בת** הרה״צ **רבי שלמה** בראנדסדארפער זצ״ל

נפטרה לבית עולמה ביום כ״ד לחודש כסלו ערב חנוכה תשע״א ת׳ נ׳ צ׳ ב׳ ה׳

## חכמה'לעך

**מאיר** האט געזאגט אז יעקב אבינו איז געווארן הונקעדיג, נישט הונגעריג...

ווען **שמעון** האט געזעהן ווי מען נעמט ארויס קאמפאט פון פריזער פאר שבת האט ער געזאגט "עס איז הארט ווי אשטיין אזוי ווי יעקב'ס האלז!..

**אברמי** האט געזאגט ער האט א גראם: אויב מען בייסט א שטיין... קען ארויספאלן די ציין...

**חיים זאנוויל** האט געזעהן ווי זיין מאמע לייגט צדקה פאר ליכט צינדן און זי זאגט לעילוי נשמת די נעמען פון די באבע'ס, רופט ער זיך אן: פארוואס? ווייל זיי האבן נישט קיין געלט???...

**משה** ווייסט צו פארציילן אז די רבי ז"ע האט איבערגעדעקט די בארד מיט א שאל אז די דייטשע רשעים זאלן דאס נישט אפשניידן, און דאס גייען אלע טאטעס טוהן כ"א כסלו...

אין די ב' בוך איז נישט דא קיין בילדער וואס עס הייבט זיך אן מיט אות ב' האט **בערל** געזאגט: עס איז דא אהונגער,, עס איז נישט דא קיין עסן...

ווען מען האט געפרעגט **יוסף יושע** "פון וועם דארף מען מורא האבן? – דער הייליגער ב.." ענטפערט ער הויך "בעל שם טוב"...

ווען **מעכי** האט געהערט די טעגליכע נייעס אויף די קינדערגארטן טעלעפאן ליין און עס איז נאכנישט געווען אפדעיטעד, האט ער געזאגט: די טעלעפאן ליין ווייס נישט אז ס'איז שוין א נייע סדרה...

**ליפא** ווייס זאגט פאר יעדן איינעם אז זיין נאמען הייבט זיך אן מיט א "ב' ווייל ער הייסט ליפא "ווייס" "ב"...

**מרדכי** האט זיך אנגערופן אז די וואך האט מען געלערנט די קאליר ברוין און מיר האבן געהאט משפחת ברויך פאר געסט די שבת..

**יצחק** האט פריילכערהייט פארציילט פאר זיין מאמע אז ער האט שוין געענדיגט דאווענען משה עשרה..

**מאיר** האט זייער שטארק ליב געהאט זיין סאפער דאנערשטאג, ער האט געפרעגט אויב עס איז לכבוד די יארצייט פון די היילגער "בת עין" זי"ע...

# ברוכים הבאים

מיר ווילן באגריסן די נייע קינדער וואס האבן שוין אנגעהויבן צו גיין ביי אונזער חדר בשעטומ"צ

**יצחק מאשקאוויטש, יעקב יצחק אלחנן אונגאר, שמעון פאגעל**

## בשורה טובה ומשמחת

**מיט פרייד טוהן מיר מעלדן** פאר די חשוב'ע עלטערן אז עס איז נאכאמאל דא צו באקומען **ביי אונז אין חדר** און אויך ביי די לאקאלן פון קרן שמואל ישעי' **די הערליכע חנוכה סי-די "חנוכה אין חדר"** וואס מיר האבן ארויסגעגעבן אין די פארגאנגענע יארן, **עס איז צוגעשטעלט געווארן** מיט אסאך אינטערעסאנטקייטן, א רייכע פארציילונג שיין באגלייט מיט Sound Effects.




**עס איז שטארק אינטערעסאנט** פאר די קינדער דאס צו הערן, זיך צו באקענען מיט אלע ענינים פון דעם יום טוב חנוכה לויט זייער פארשטאנד. דאס העלפט אסאך ארויס די קינדער מיט די מעשה פון חנוכה, די קינדער לעבן שטארק מיט דערמיט און האבן הנאה דערפון. דאס האלט די קינדער שטארק געשפאנט. עס איז הערליך שיין אויפגעשפילט און אראפגעלייגט

- נס חנוכה
- אנטיוכוס
- מעשה פון יהודית

**אויך איז דאס דא צו באקומען אין א USB פארמאט ביי די קרן שמואל ישעי' לאקעישנ'ס.**

**אדרבה!** אז איר קויפט דאס פאר אייער קינד, וועט ער לעבן מיטן יו"ט חנוכה, ער וועט אייך דאנקבאר זיין דערפאר בעז"ה.

**א פריילכן חנוכה.**

דאס איז די זעלבע סידי פון פאריאר עס איז מעגליך אז איר האט דאס שוין.

**עס קאסט** $5.00 **אויב ווילט איר דאס קויפן שיקט דאס געלט אין אן ענוועלאופ ארויף געשריבן די נאמען פונעם קינד אז דאס איז פאר א סידי.**

**נ.ב. אויב האט איר באקומען א סידי וואס ארבייט נישט ביטע שיקט דאס צוריק מיר וועלן אהיים שיקן א נייע. מיט אנטשולדיגונג.**

*ישעי' יצחק הכהן רובין, מנהל סאטמאר קינדערגארטן*

סאטמאר קינדערגארטען
וויליאמסבורג
בתייסדה ע״י כ״ק רבינו הקוה״ט זי״ע ~ בנשיאות כ״ק מרן אדמו״ר שליט״א
~ 762 Wythe Ave. Brooklyn NY 11211 ~ 718-407-7460 ~


בעזהשי״ת

ערב חנוכה שנת תשפ״ה לפ״ק

# לכבוד די חשוב'ע עלטערן שיחיו



מיר ווילן אייך לאזן וויסן אז אין די חנוכה טעג

וועט זיין א טויש ביים קומען און גיין אין חדר



## די קינדער וועלן קומען אין חדר

## א שעה שפעטער פון יעדן טאג און אהיים גיין פריער

**אזוי ווי יעדן זונטאג**

פרישטאג עסט מען אינדערהיים

(אין פאל אז א קינד האט נישט געגעסן אינדערהיים, ביטע דאס מעלדן פארן מלמד וועט דאס קינד אי״ה באקומען פרישטאג)

אופן פארלאנג פון עלטערן וואס איז זיי שווער דאס קומען שפעיט, האבן מיר צוגעשטעלט אז א מלמד וועט זיין אין א כיתה גרייט אויפצונעמען קינדער פון 10:15 אין קלאס רום 203.

נאר דורך אריין ברענגען דאס קינד צום מלמד. נישט ארויף לייגן אויף א באס מיט עלטערע קינדער ווייל קיינער וועט אים נישט אראפ נעמען מיט אחריות.

*** אכטונג! זונטאג און פרייטאג איז אנדערש ***

## באס סקעדזשול לכבוד חנוכה.

| | פרישטאג | צופרי ביים קומען ערשטע סטאפ | נאכמיטאג ביים אהיים גיין |
|---|---|---|---|
| דאנערשטאג פ׳ מקץ א׳ דחנוכה | אינדערהיים | 10:20 | 2:50 ערשטע סטאפ |
| פרייטאג פ׳ מקץ ב׳ דחנוכה | אין חדר | 9:20 געהעריגע סקעדשול | 11:25 ערשטע סטאפ |
| זונטאג פ׳ ויגש ד׳ דחנוכה | אינדערהיים | 10:50 ½ שעה שפעטער פון יעדן זונטאג | 2:50 ערשטע סטאפ |
| מאנטאג פ׳ ויגש ה׳ דחנוכה | אינדערהיים | 10:20 | 2:50 ערשטע סטאפ |
| דינסטאג פ׳ ויגש ו׳ דחנוכה א׳ דר״ח טבת | אינדערהיים | 10:20 | 2:50 ערשטע סטאפ |
| מיטוואך פ׳ ויגש ז׳ דחנוכה ב׳ דר״ח טבת | אינדערהיים | 10:20 | 2:50 ערשטע סטאפ |
| דאנערשטאג פ׳ ויגש זאת חנוכה | אינדערהיים | 10:20 | 2:50 ערשטע סטאפ |

# א פרייליכן חנוכה

מיט דאנק
**ההנהלה**

**נ.ב. פאר עלטערן וואס ארבייטן און האבן א פראבלעם מיטן אהיימקומען אין די חנוכה טעג פריער, זאלן ביטע רופן דעם מנהל אויף 718-407-7460 עקסט: 2217**

**מעגליך אז עס וועט זיין א נאכמיטאג פראגראם פאר די קינדער.**

# מזל טוב ווינקל

| | | |
|---|---|---|
| ברכת מזל טוב פאר הילד<br>יצחק יודא ב"ר מענדל וואלף טייטלבוים נ"ו<br>לכבוד די געבורט פון זיין שוועסטער<br>ווי עס וואונטשן די חברים וואס לערנען ביי<br>הרב יצחק קארפען שליט"א | ברכת מזל טוב פאר הילד<br>אברהם חיים בן הרב עזרא משה באירה נ"ו<br>לכבוד די געבורט פון א פלומעניק<br>ווי עס וואונטשן די חברים וואס לערנען ביי<br>הרב אהרן דוד רובינשטיין שליט"א | ברכת מזל טוב פאר הילד<br>יצחק ב"ר משה שלמה פריעד נ"ו<br>לכבוד זיין ברודער'ס חתונה<br>ווי עס וואונטשן די חברים וואס לערנען ביי<br>הרב אהרן דוד רובינשטיין שליט"א |
| ברכת מזל טוב פאר הילד<br>ישכר בערצי ב"ר חיים יוסף רוטה נ"ו<br>לכבוד זיין מומע'ס חתונה<br>ווי עס וואונטשן די חברים וואס לערנען ביי<br>הרב אהרן דוד רובינשטיין שליט"א | ברכת מזל טוב פאר הילד<br>בן ציון ב"ר הרב אלטר טייטלבוים נ"ו<br>לכבוד די געבורט פון זיין שוועסטער<br>ווי עס וואונטשן די חברים וואס לערנען ביי<br>הרב יחזקאל יוסף כהן שליט"א | ברכת מזל טוב פאר הילד<br>שמואל חיים ב"ר יוסף מאיר מענדלאוויטש נ"ו<br>לכבוד זיין פעטער'ס חתונה<br>ווי עס וואונטשן די חברים וואס לערנען ביי<br>הרב יואל טויב שליט"א |
| ברכת מזל טוב פאר הילד<br>חנני' יו"ט ליפא ב"ר אברהם חיים ווייס נ"ו<br>לכבוד זיין אפשערן<br>ווי עס וואונטשן די חברים וואס לערנען ביי<br>הרב ירמי' מאיר פאגעל שליט"א<br>הרב יחזקאל אביגדור קליין שליט"א | ברכת מזל טוב פאר הילד<br>חיים מנחם מענדל ב"ר מרדכי ראזמאן נ"ו<br>לכבוד זיין אפשערן<br>ווי עס וואונטשן די חברים וואס לערנען ביי<br>הרב ירמי' מאיר פאגעל שליט"א<br>הרב יחזקאל אביגדור קליין שליט"א | ברכת מזל טוב פאר הילד<br>יודא ב"ר יצחק נתן גאנדל נ"ו<br>לכבוד זיין אפשערן<br>ווי עס וואונטשן די חברים וואס לערנען ביי<br>הרב ירמי' מאיר פאגעל שליט"א<br>הרב יחזקאל אביגדור קליין שליט"א |
| ברכת מזל טוב פאר הילד<br>אהרן ב"ר מנחם משה גרינוואלד נ"ו<br>לכבוד די געבורט פון זיין ברודער<br>ווי עס וואונטשן די חברים וואס לערנען ביי<br>הרב יואל וואלף שווארטץ שליט"א | ברכת מזל טוב פאר הילד<br>אברהם שלמה ב"ר יואל ב"ר יצחק מיטטעלמאן נ"ו<br>לכבוד די געבורט פון זיין שוועסטער<br>ווי עס וואונטשן די חברים וואס לערנען ביי<br>הרב יואל וואלף שווארטץ שליט"א | ברכת מזל טוב פאר הילד<br>אלי' ב"ר חיים גליק נ"ו<br>לכבוד די געבורט פון זיין ברודער<br>ווי עס וואונטשן די חברים וואס לערנען ביי<br>הרב יואל וואלף שווארטץ שליט"א |
| ברכת מזל טוב פאר הילד<br>שמעון הלוי ב"ר משה יעקב חיים מאשקאוויטש נ"ו<br>לכבוד זיין אפשערן<br>ווי עס וואונטשן די חברים וואס לערנען ביי<br>הרב יעקב מאיר סרוגא שליט"א<br>הרב דוד יואל הערשקאוויטש שליט"א | ברכת מזל טוב פאר הילד<br>בערל בן הרב שלום הורוויץ נ"ו<br>לכבוד זיין אפשערן<br>ווי עס וואונטשן די חברים וואס לערנען ביי<br>הרב יעקב מאיר סרוגא שליט"א<br>הרב דוד יואל הערשקאוויטש שליט"א | ברכת מזל טוב פאר הילד<br>אלי' שמואל ב"ר שלמה שמשון בראווער נ"ו<br>לכבוד זיין אפשערן<br>ווי עס וואונטשן די חברים וואס לערנען ביי<br>הרב יואל שלמה פארקאש שליט"א<br>הרב ירמי' סג"ל לעווי שליט"א |
| ברכת מזל טוב פאר הילד<br>אורי' בן הרב חיים ארי' ברע"י כהנא נ"ו<br>לכבוד זיין מופן צו די נייע הויז קיין קרית יואל<br>ווי עס וואונטשן די חברים וואס לערנען ביי<br>הרב אברהם הלוי בערגער שליט"א<br>הרב יחיאל שטעסל שליט"א | ברכת מזל טוב פאר הילד<br>אלעזר ב"ר יוסף שימאנאוויטש נ"ו<br>לכבוד די געבורט פון זיין ברודער<br>ווי עס וואונטשן די חברים וואס לערנען ביי<br>הרב אברהם הלוי בערגער שליט"א<br>הרב יחיאל שטעסל שליט"א | ברכת מזל טוב פאר הילד<br>ישראל ב"ר מנחם משה גרינוואלד נ"ו<br>לכבוד די געבורט פון זיין ברודער<br>ווי עס וואונטשן די חברים וואס לערנען ביי<br>הרב בנימין כהן שליט"א<br>הרב שמעון פריעד שליט"א |
| ברכת מזל טוב פאר הילד<br>בערל בן הרב שלום הורוויץ נ"ו<br>לכבוד זיין מומע'ס חתונה<br>ווי עס וואונטשן די חברים וואס לערנען ביי<br>הרב יעקב מאיר סרוגא שליט"א<br>הרב דוד יואל הערשקאוויטש שליט"א | ברכת מזל טוב פאר הילד<br>חיים יצחק מנחם ב"ר משה הערש לעבאוויטש נ"ו<br>לכבוד זיין אפשערן<br>ווי עס וואונטשן די חברים וואס לערנען ביי<br>הרב ברוך הורוויץ שליט"א<br>הרב יואל לעבאוויטש שליט"א | ברכת מזל טוב פאר הילד<br>ישעי' ב"ר משה שלמה פריעד נ"ו<br>לכבוד זיין ברודער'ס חתונה<br>ווי עס וואונטשן די חברים וואס לערנען ביי<br>הרב חיים לייפער שליט"א |

## אפוועגן די האר

ווי עס איז באקאנט דער גרויסע ענין אפצוווענן די האר פון א חאלאקע אינגל און מען גיבט די געלט פאר צדקה. (כמובא בספר מטעמים ערך שערות, וכבר נזכר בשו"ת הרדב"ז ח"ב סי' תר"ח, ועוד) פאר סיי וואס פאר א פראגע איבער די הייליגע סגולה פון אפוועגן די האר פון א חאלאקע אינגל אדער צו באשטעלן די אפוינטמענט

ביטע רופט : הרב יואל ווערצבערגער הי"ו 347.452.8336

ובזכות הצדקה וועט דער הייליגער באשפעפער זיכער העלפן איר זאלט זוכה זיין צו זעהן רב תענוג ונחת דקדושה פון דעם קינד און אלע אייערע קינדער בבריות גופא ומזוני רויחי בשפע רב ובהרחבה גדולה ביז מיר וועלן אלע זוכה זיין בקרוב זיך צו פרייען אינאיינעם בבנין בית הבחירה בביגוא"צ בב"א.

## הערליך שיין - פראקטיש - ביליג




שמחות ביי אידן ב"ה. עס איז אונז געלונגען אהער צו שטעלן שיינע "**מזל טוב**" **פעקלעך** פאר גאר ביליג. דאס טוט באשיינען די אידישע שמחות ב"ה, פילע עלטערן בעלי שמחות זענען שטארק דאנקבאר ווי שיין און ביליג די פעקלעך זענען געווען,
מיט די העכסט צופרידענהייט.
באזונדערע שיינע דיזיינס לויט די שמחה,
**קרי"ש ליינען – וואכנאכט**, א הערליכע פרינט בעג.
**אפשערן** און חדר פירן א הערליכע פרינט בעג, אזוי אויך ביי סיי וואס פאר א שמחה אז איר ווילט פעקלעך ווי למשל **הכנסת ספר תורה**, אדער **חברת תהלים**, סיי ווען איר דארפט א "**שיינע מזל טוב פעקעלע**" זענען מיר גרייט אייך דאס צו צושטעלן בעזהשי"ת.




**פאר באשטעלונגען רופט דעם חדר נומ. 2217 # 718-407-7460**

**צו מעלדן אייער שמחה שיקט מיט אייער קינד א צעטל צום מלמד – צו באשטעלן פעקלעך רופט אין אפיס: 718-407-7460 Ext 1 – 6**